


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.



## אמרות שמשון

### שילוח הקן איז מקרב די גאולה

**שַׁלֵּחַ תְּשַׁלַּח אֶת הָאֵם וְאֶת הַבָּנִים תִּקַּח לָךְ לְמַעַן יִיטַב לָךְ וְהַאֲרַכְתָּ יָמִים** (כב, ז). עס שטייט אין חז"ל (דברים רבה כב, ז), 'אם קיימת מצות שילוח, את ממהר לבוא מלך המשיח שכתוב בו שילוח, שנאמר (מלאכי ג, כג) **הִנֵּה אָנֹכִי 'שֹׁלֵחַ' לָכֶם אֵת אֵלִיָּהו הַנָּבִיא**'. ווען מען איז מקיים די מצוה פון שילוח הקן טוט מען צואיילן אז משיח זאל קומען.

**מען** קען ערקלערן פשט פארוואס טוט דוקא די מצוה צואיילן די גאולה, לויט ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש (זהר חדש רות דף עז.) ווען מען פארשיקט די מאמע פון איר נעסט וואו עס געפינט זיך אירע קליינע עופ'לעך, ווערט די מאמע זייער בצער און וויל זיך נעמען דאס לעבן. און צוליב איר גרויסע צער קומט דער מלאך וועלכע איז געשטעלט איבער די עופות און בעט דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף איר.

**דעמאלטס** ווערט דער אויבערשטער אנגעפילט מיט רחמנות און זאגט: "אויב דער מלאך בעט רחמים פאר די עופות וואס ער איז געשטעלט איבער זיי, אודאי איך וואס איז דער בעל הרחמים, דארף זיכער רחמנות אויף מיין פאלק וואס איז שוין אין גלות און פייניגן זיך אזוי פיל יארן".

**די** התעוררות פון 'רחמנות', איז מעורר רחמים אויבן אין הימל אז דער אויבערשטער זאל שוין ברענגען די גאולה השלימה, און ברענגען א ענדע צו אלע צרות וואס כלל ישראל ליידט אין גלות.

(אות ד' ד"ה ועדיין)

### שילוח הקן איז מסוגל פאר זרע של קיימא

**שַׁלֵּחַ תְּשַׁלַּח אֶת הָאֵם וְאֶת הַבָּנִים תִּקַּח לָךְ** (כב, ז). עס שטייט אין מדרש (דברים רבה כב, ו) בשכר וואס מען איז מקיים די מצוה פון שילוח הקן איז מען זוכה צו געהאלפן מיט קינדער, אזוי ווי עס איז מרומז אינעם פסוק '**וְאֶת הַבָּנִים תִּקַּח לָךְ**'.

**מען** קען ערקלערן פארוואס דוקא די מצוה מסוגל צו געהאלפן ווערן מיט קינדער, לויט ווי עס שטייט אין מדרש (דברים רבה שם ז) 'אם קיימת מצות שילוח, את ממהר לבוא מלך המשיח שכתוב בו שילוח, שנאמר (מלאכי ג, כג) **הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּהו הַנָּבִיא** וגו'. ווען מען איז מקיים די מצוה פון שילוח הקן טוט מען צואיילן אז משיח זאל קומען.

**און** עס שטייט אין חז"ל (יבמות סב.), 'אין בן דוד בא עד שיכלו כל הנשמות שבגוף', (אויף יענע וועלט איז פארהאן א 'אוצר הנשמות' פון אלע נשמות וואס זענען באשאפן געווארן בשעת בריאת העולם, און אלעס דארף אראפקומען אויף די וועלט איידער משיח קומט לעתיד לבא - רש"י עבודה זרה ה.).

**און** וויבאלד די מצוה טוט צואיילן די גאולה, דארף מען צוערשט ענדיגן אלע נשמות, דעריבער ווערט מען געהאלפן מיט קינדער, כדי די נשמות זאלן זיך ענדיגן און משיח זאל קענען קומען במהרה בימינו. (אות ד' ד"ה אך)

### פיינטשאפט פון עמון און מואב אויף כלל ישראל

**עַל דְּבַר אֲשֶׁר לֹא קִדְּמוּ אֶתְכֶם בַּלֶּחֶם וּבַמַּיִם בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם וַאֲשֶׁר שָׂכַר עָלֶיךָ אֶת בִּלְעָם בֶּן בְּעוֹר מִפְּתוֹר אֲרַם נַהֲרַיִם לְקַלְלֶךָּ** (כג, ה). מען קען ערקלערן פשט פארוואס די תורה ברענגט צוויי טעמים פארוואס עמון און מואב זענען 'אסור לבא בקהל' (מען טאר נישט חתונה האבן מיט זיי).

**ווייל** בלויז דער פאקט אז עמון און מואב זענען נישט ארויסגעקומען אנטקעגן כלל ישראל מיט ברויט און וואסער, דאס אליינ'ס וואלט מען געקענט פארענטפערן, אז זיי האבן געשוינט אויף זייער געלט און נישט געוואלט שפייזן אזא ריזיגע פאלק ווי כלל ישראל.

**אבער** פון דעם וואס זיי זענען געווען גרייט זיך צו לאזן קאָסטן אסאך געלט פאר בלעם הרשע, ער זאל קומען שעלטן כלל ישראל, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (במדבר כב, יח), **אִם יִתֶּן לִי בָלָק מְלֹא בֵיתוֹ כֶּסֶף וְזָהָב**, דרש'ענען חז"ל (במדבר כ, י והובא ברש"י שם) אז בלעם איז געווען א 'נפש רחבה' און געבעטן אסאך געלט.

**דאס** ווייזט אז זיי שוינען נישט אויף זייער געלט, און דאס וואס זיי זענען נישט אנטקעגן געקומען מיט בלויז ברויט און וואסער, איז בלויז געווען צוליב זייער שנאה אויף כלל ישראל, דעריבער זאגט די תורה **לֹא יָבֹא עַמּוֹנִי וּמוֹאָבִי בִּקְהַל ה'**. (אות ז' ד"ה וא"ת)

חדש! חדש!
ספר
זרע שמשון
יום יום
להשיג בכל חנויות הספרים



תורמים
ורואים ישועות
אל תחמיצו!
שמות התורמים יתברכו
אצל גדולי הדור שליט"א
בשעת לימודם
בספר זרע שמשון.
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.
02-80-80-500
05271-66450
347-496-5657
https://www.zerashimshon.co.il/donation/

הוצאת הגליון והפצתו לזכות

לעילוי נשמת
ניסים בן שרה
נלב"ע י"ג סיון תשפ"ה ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש ע"י בנו ישעיה בן צלחה להצלחה וברכה בכל העניינים ולבשורות טובות

רפואה שלימה
רפאל בן לינדה • מאגו מרגריטה בת רחל • דוד בן פז • שרה בת רוזה • מנואל בן רבקה • דורה בת אסתר • מרגריטה בת רות • שושנה אסתר בת רחל
שישלח ה' להם רפואה שלימה והחלמה מהירה בכל גופם ויהיה להם אריכות ימים ושנים טובות ומתוקות לשמחתם ולשמחת כל משפחתם

זיווג הגון
שרה שרון בת סופיה • יוכבד ג'ובנה בת מירב • תמר • אוראל משה בן לימור • שלום בן לילי • מישל בת פרדל • חיים בן סופיה • אהרן שלמה בן שושנה ויטא
שיזכו לזיווג הגון בקרוב ובניקל מתוך אושר ושמחה

הצלחה בכל
יוסף בן שרון ורות בת לינדה
לרגל נישואיהם שיזכו שיעלה הזיווג יפה בשעה טובה ומוצלחת ויהיה לחיים להם טובים שמחים ומאושרים ודורות ישרים מבורכים

ישועה בכל
מרדכי בן רחל
לישועה והצלחה בכל העניינים בריאות איתנה פרנסה בשפע מתוך מנוחת הגוף והנפש בלי שום הפרעות ורדיפות ושיתבשר בשורות טובות בקרוב ממש

הצלחה ורפואה
רוני בן אירית
לשפע פרנסה וקידום מהיר הצלחה בכל העניינים ורפואה שלמה

הצלחה ורפואה
לביא בן דורית
להצלחה בכל העניינים ורפואה שלימה

הצלחה ועושר
יוסף בן לאה רחל וכל השותפים עמו
לשפע ברכה והצלחה גדולה בכל עושר ואושר בקרוב

שפע וברכה
חיים דוד בן עטיא וזוגתו צביה רחל בת רבקה
שיזכו לשפע ברכה והצלחה גדולה בכל מכל כל עד בלי די פרנסה בשפע מתוך הרחבת הדעת וימלא ה' כל משאלות לבם לטובה

הצלחה ועושר
דניאל אורי בן רג'ינה מלכה
לשפע ברכה והצלחה עושר וכבוד ובשורות טובות בקרוב ממש

עושר וברכה
אשר אנשיל דוד הלוי בן נילי
לשפע ברכה והצלחה גדולה בכל עושר ואושר בקרוב

# ברכת בתי כנסיות און בתי מדרשות איז שוין א פריערדיגע ברכה פון יצחק אבינו

**וְלֹא אָבָה ה' אֱלֹקֶיךָ לִשְׁמֹעַ אֶל בִּלְעָם וַיַּהֲפֹךְ ה' אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה כִּי אֲהֵבְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ** (כג, ו). עס שטייט אין חז"ל (סנהדרין קה:) פונעם לשון הפסוק **אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה** איז משמע אז אלע ברכות וואס בלעם האט געבענטשט כלל ישראל איז געווארן קללות אויסער איין ברכה וואס דער אויבערשטער האט איבערגעקערט פון א קללה צו א ברכה, דאס איז דער פסוק (במדבר כד, ה) **מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב מִשְׁכְּנֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל**, וואס דאס איז אויף די בתי כנסיות און בתי מדרשות פון כלל ישראל.

**דער** פשט דערפון איז, וויבאלד כלל ישראל האט שפעטער געזינדיגט, האט דער מדת הדין געקענט שולט זיין אויף זיי און אלע זיינע ווערטער זענען געווארן קללות. אויסער דאס וואס ער האט געזאגט אויף די בתי כנסיות און בתי מדרשות, ווייל דאס איז שוין א פריערדיגע ברכה וואס יצחק אבינו האט געגעבן פאר יעקב אבינו, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית כז, כב) **הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב**, און דאס קען דער מדת הדין נישט מבטל זיין.

**און** מען קען צולייגן פשט אין פסוק **וַיַּהֲפֹךְ ה' אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה**, דער אויבערשטער האט איבערגעקערט די קללה פון בלעם איבער די בתי כנסיות און בתי מדרשות, און די סיבה דערצו איז **כִּי אֲהֵבְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ**, דער אויבערשטער האט ליב די קול פון כלל ישראל ווען זיי דאווענען און לערנען, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שיר השירים ב, יד) **הַשְׁמִיעִינִי אֶת קוֹלֵךְ כִּי קוֹלֵךְ עָרֵב** וגו'. (בלק אות ח' ד"ה והשתא)

מתוך ברכת והבטחת הרב המחבר

רבנו **שמשון חיים נחמני** זלה"ה

בבקשתו ותחינתו בהקדמת ספריו

'למען אחי רעי ותלמידי ישאו את שמי על שפתם, ועל הטוב יזכר שמי בפיהם אחר מותי, כאשר בעשר לשונות של תפילה אני מחלה פניהם, ובעל הגמול ישלם במיטב חי אריכי ומזוני טפי לגומלי חסדים טובים'.

* * *

'כאשר אני מחלה פניהם בעשר לשונות של תפילה לברור המנה היפה אשר ייטב בעיניהם בחידושים הללו, ובפרט אחרי מותי כי לימודם יהיה לי להשיב נפש ולעידון רוח ולזכות נשמתי, וצדקה תהיה להם וצדקתם תעמוד להם לאכול בעוה"ז ולשבוע בעוה"ב, ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'.

* * *

'ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'. 'ועיניכם תראינה בנים בני בנים כשתילי זיתים סביב לשולחנכם, חכמים ונבונים, ובתים מלאים כל טוב, גם עושר גם כבוד לא יסופו מזרעכם'.

# דער אויבערשטער ווערט נישט בכעס און איז מבטל די קללות

**וְלֹא אָבָה ה' אֱלֹקֶיךָ לִשְׁמֹעַ אֶל בִּלְעָם וַיַּהֲפֹךְ ה' אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה כִּי אֲהֵבְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ** (כג, ו). די מפרשים שטעלן זיך פארוואס האט דער אויבערשטער געדארפט איבערדרייען די קללות צו ברכות, עס שטייט דאך אין חז"ל (ברכות ז.) אז בלעם האט נאר געקענט שעלטן אין די סעקונדע וואס דער אויבערשטער ווערט בכעס, און אין יענע טעג - ווען בלעם האט געוואלט שעלטן כלל ישראל - איז דער אויבערשטער נישט געווארן אין צארן. אויב אזוי איז דאך זיינע ווערטער גארנישט ווערד, פארוואס דארף מען עס איבערדרייען צו א ברכה?

**מען** קען ערקלערן אז בלק און בלעם האבן זיך אויך געוואלט באנוצן מיט פארשידענע סארט כישוף, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (במדבר כב, ז) **וּקְסָמִים בְּיָדָם** (וראה עוד שם כד, א), וואס דערמיט האבן זיי געוואלט שעלטן כלל ישראל מיט זייער כישוף.

**אבער** זיי האבן געוואוסט אז אויב כלל ישראל וועט נישט זינדיגן וועלן זיי גארנישט קענען שלעכט'ס טון מיט זייער כישוף. אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (חולין ז:) אז ווען מ'האט אסאך זכותים קען מען נישט געשעדיגט ווערן פון כישוף. און אזוי אויך אפילו אויב בלעם וואלט געשאלטן אין די סעקונדע וואס דער אויבערשטער ווערט בכעס, וואלט עס אויך נישט געשאדט אויב כלל ישראל וועט נישט זינדיגן.

**דעריבער** האבן זיי זיך באנוצט מיט זייער כישוף צו זען אויב כלל ישראל וועט זינדיגן, און ווען זיי האבן געזען אז כלל ישראל וועט נכשל ווערן מיט עבירות, האבן זיי געשאלטן כלל ישראל אז ס'זאל חל זיין שפעטער ווען כלל ישראל וועט טון עבירות.

**און** אויב וואלט דער אויבערשטער געווארן בכעס אין יענע טעג, און בלעם וואלט געשאלטן צוליב די עבירות וואס כלל ישראל וועט טון, וואלטן די קללות ח"ו חל געווען און מ'וואלט עס נישט געקענט צוריק ציען (ווייל דער אויבערשטער איז זיך נישט מרחם בשעת הדין).

**אבער** וויבאלד דער אויבערשטער איז נישט געווארן בכעס, און בלעם האט נאר געשאלטן מיט זיין כישוף, אויף דעם האט דער אויבערשטער רחמנות געהאט אויף כלל ישראל און מבטל געווען די קללות, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **וַיַּהֲפֹךְ ה' אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה**. (בלק אות ח' ד"ה אבל עוד)

ניע נאמבער

קול זרע שמשון

פאר אידיש דרוק 2

ארץ ישראל 02-80-80-400

ארה"ב 605-313-9610

לונדון 333-070-6534

• שיעורים • סיפורי ישועות • נייעס און אפדעיט'ס •

שמעו ותחי נפשכם

פאר טעגליכע דרשות און שיעורים:

לשוה"ק: 1-4 אידיש: 2-5

ענגליש: 1-3 פאר אינהאלטסרייכע

אינטערוויוס 1-1-5

ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדן צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברבערג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן ארץ ישראל: 05271-66-450 בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

וזכות הצדיק ודברי תורותו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו